# ויקהל ב

א. אין פסוק ויאמר משה גו׳ זה הדבר אשר צוה ה׳ לאמר[1], זאָגט רש״י „זה הדבר אשר צוה ה׳ לי לאמר לכם״.

לערנען מפרשים[2], אַז רש״י׳ן אַרט דאָ: פון פשטות לשון הכתוב איז משמע, אַז דער „זה הדבר אשר צוה ה׳״ באַציט זיך צום „לאמר״, ד. ה. אַז דער אויבערשטער האָט געהייסן משה׳ן ער זאָל זאָגן די אידן (דעם לשון) „קחו מאתכם תרומה גו׳״. ווערט במילא שווער: דער ציווי פון אויבערשטן איז דאָך געווען „ויקחו לי תרומה״[3] (בלשון נסתר) און ניט „קחו מאתכם תרומה״ (בלשון נוכח), היינט ווי זאָגט ער דערויף „זה הדבר אשר צוה ה׳״ — אַז דאָס בדיוק זיינען די רייד פון אויבערשטן?

דערפאַר זאָגט רש״י „זה הדבר אשר צוה ה׳ לי לאמר לכם״[4], אַז דער „זה הדבר אשר צוה ה׳״, איז „לי״ (און עס באַציט זיך ניט צום „לאמר״) — און דאָס מיינט טאַקע דער ציווי „ויקחו לי תרומה גו׳״ (בל׳ נסתר); און דער „לאמר״ איז אַ נייער ענין: „לאמר לכם״, דאָס וואָס איך דאַרף אייך זאָגן איז (טאַקע דער זעלבער תוכן, אָבער מיט אַן אַנדער לשון —) „קחו מאתכם תרומה גו׳״.

דער פירוש איז אָבער ניט גלאַטיק:

א) אפילו ווען מען וואָלט געלערנט אַז דער „זה הדבר אשר צוה ה׳״ באַציט זיך יע צום „לאמר״, וואָלט אויך ניט געווען מוכרח אַז דער אויבערשטער האָט געהייסן זאָגן דעם לשון „קחו מאתכם גו׳״, ווייל דער פירוש הפשוט פון „זה הדבר גו׳״ איז (ניט דוקא אַז דאָס איז דער דיבור און לשון[5] פון אויבערשטן, נאָר אַז) דאָס איז די זאַך (דער ענין) וואָס דער אויבערשטער האָט געהייסן.

ב) רש״י האָט געשריבן זיין פירוש אין אַ פשטות׳דיקן סגנון, באופן אַז אויך אַ „בן חמש (למקרא)״ זאָל פאַרשטיין זיין כוונה. און וויבאַלד אַז דער פירוש הנ״ל ליגט ניט אין פשטות הלשון פון רש״י, האָט לפ״ז רש״י געדאַרפט מוסיף זיין און שרייבן „לאמר

1) פרשתנו לה, ד.

2) ראה גו״א כאן (וראה הערה הבאה). וראה רא״ם כאן.

3) ר״פ תרומה.

בגו״א כאן כותב בפשטות „ולא הי׳ הקב״ה מדבר אל ישראל לנכח״. וצ״ע מכו״כ פסוקים (בדיבור הקב״ה למשה שיאמר לישראל) שנאמרו בלשון נוכח (לדוגמא: שמות ג, יד ואילך. וארא ו, ו ואילך. יתרו יט, ד ואילך. שם כ, יט ואילך. ר״פ משפטים. תשא לא, יג ואילך. ועוד. — ובכ״מ נאמר בלשון נוכח וגם בלשון נסתר (וכמו: בא יב, ג ואילך. בשלח יד, ב. ועוד)).

ואולי י״ל, שכוונת הגו״א (אף שלא משמע כן מפשטות לשונו) היא, לציווי זה שנאמר בו בפירוש „ויקחו גו׳״, כבפנים.

4) ותיבת „לאמר״ שבפרש״י הוא העתק לשון הכתוב (ולא פירושו הוא) — בדוגמת תיבת „בחלב״ שבפרש״י תשא (לד, כו) ד״ה לא (ראה לעיל ע׳ 201 הערה 2).

5) בפרש״י ר״פ מטות (בפירושו השני): „זה הדבר מיעוט הוא, לומר שהחכם בלשון התרה כו׳ כלשון הכתוב כאן״. אבל אין מזה ראי׳ לנדו״ד. כי שם, הלשון (התרה והפרה) הוא חלק מהענין — „הדבר״ (די זאַך).

לכם ציווי נדבת המשכן" [6] (ד.ה. דעם ענין פון נדבת המשכן), אָדער אַן אַנדער לשון (ברור) כיו"ב.

ב. איז דער ביאור אין דעם:

דער אָנהייב הענין „ויקהל משה את כל עדת בני ישראל" איז (אין פשטות) געווען בכדי איבערצוגעבן אידן דעם ציווי אויף מלאכת המשכן. נאָר פאַר דעם האָט ער מקדים געווען — ע"ד אַ מאמר המוסגר — אזהרת שבת בכדי צו אָנזאָגן אַז מלאכת המשכן איז ניט דוחה שבת.

ועפ"ז לייגט זיך צו זאָגן, אַז דער המשך, „אלה הדברים אשר צוה ה' לעשות אותם" האָט משה געמיינט (ניט בלויז „אזהרת שבת", נאָר) אויך דעם ציווי אויף מלאכת המשכן [ואדרבה: לכאורה גייט עס בעיקר אויף מלאכת המשכן [7], וואָרום דאָס איז דאָך געווען די מטרה פון דעם „ויקהל"].

אָבער אויב אַזוי ווערט שווער: צוליב וואָס האָט זיי משה געזאָגט נאָכאַמאָל „זה הדבר אשר צוה ה'", בעת ער האָט זיי שוין פריער געזאָגט „אלה הדברים אשר צוה ה'"?

אפילו אויב מ'וועט איינלערנען (בדוחק) אַז „אלה הדברים" גייט בלויז אויף „אזהרת שבת" [8], איז ניט מובן: וויבאַלד אַז אויך פריער האָט ער געזאָגט צו אידן „הדברים אשר צוה ה'", איז דאָך ניט מתאים צו זאָגן (אויף מלאכת המשכן) „זה הדבר אשר צוה ה'", פון וואָס ס'איז משמע אַז בלויז „זה" [מלאכת המשכן] איז „הדבר אשר צוה ה'", בעת אויך די פריערדיקע רייד זיינען „הדברים אשר צוה ה'"?

אויך איז ניט מובן: פאַרוואָס שטייט דער וואָרט „לאמר" דוקא אין אונזער פסוק און ניט אין „אלה הדברים אשר צוה ה'" — אויך „אזהרת שבת" האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו משה'ן ער זאָל עס איבערגעבן צו אידן?

ג. אויף דעם איז רש"י מפרש, אַז דאָס וואָס משה האָט אויסגעטיילט „זה הדבר" (וואָס גייט נאָר אויף מלאכת המשכן) פון „אלה הדברים גו'" (וואו עס ווערט נכלל אויך אזהרת שבת) איז עס דערפאַר וואָס ביי „זה הדבר" איז דער ציווי געווען „לאמר", און פירושו איז „לי לאמר לכם": דער ציווי אויף שבת איז געווען אויך צו משה'ן גופא; משא"כ דער ציווי אויף מלאכת המשכן איז געווען בלויז „לי לאמר לכם", אַז משה זאָל זאָגן צו אידן, אַז זיי זאָלן מאכן דעם משכן. אָבער ער אַליין איז אויף דעם ניט געווען מצווה.

וואָס דערמיט איז פאַרשטאַנדיק וואָס רש"י זאָגט שפּעטער [9] „שלא עשה משה שום מלאכה במשכן". ולכאורה תמוה: ווי קומט עס אַז משה זאָל ניט מקיים זיין דעם ציווי הקב"ה „קחו מאתכם תרומה גו'" [10]? אָבער ע"פ הנ"ל איז

---

6) ע"ד סגנונו בפ' צו ח, ה.

7) ראה גם ראב"ע, רמב"ן ותזקוני כאן.

8) ראה גם טור הארוך עה"ת כאן.

9) פקודי לט, לג.

10) בדוחק י"ל, שכוונת רש"י ב„מלאכה" היא ל„מלאכת עבודת הקדש" (עשיית המשכן וכליו), שזה עשו רק „בצלאל ואהליאב וכל איש חכם לב". אבל ממ"ש רש"י „שום מלאכה", מסתבר שכוונתו היא גם לההבאה (נדבות המשכן) שנקראת ג"כ „מלאכה"

עס מובן. ווייל היות אַז דער ציווי איז געווען „לאמר לכם" (אַז די אידן זאָלן מאַכן דעם משכן), האָט עס משה ניט געטאָרט טאָן.

ד. אָבער דאָס גופא פאָדערט ביאור: פאַרוואָס טאַקע איז דער ציווי אויף מלאכת המשכן געווען בלויז „לאמר לכם", ניט ווי אַלע אַנדערע מצות וואָס אויף זיי איז אויך משה געווען מצווה?

אויך דאַרף מען פאַרשטיין: פאַרוואָס האָט משה ניט געהאַט קיין חלישות הדעת [11] דערפון וואָס „לא עשה שום מלאכה בהקמת המשכן", ניט ווי מען געפינט [12] ביי אהרן'ען אַז „חלשה דעתו" דערפון וואָס ער איז ניט געווען בחנוכת הנשיאים?

איז דער ביאור אין דעם (בפנימיות הענינים [13]):

ענינו של משה איז תורה [14]. האָט ער דעריבער ניט געטאָרט זיך עוסק זיין אין מלאכת המשכן [15], בדוגמת (ובמכש"כ מ)הדין [16] אַז „אין מבטלין תשב"ר לבנין ביהמ"ק".

און וויבאַלד אַז משה האָט ניט געדאַרפט טאָן מלאכת המשכן מצד דעם וואָס ער איז העכער פון משכן, איז דאָך במילא ניט שייך ער זאָל האָבן דערפון אַ חלישות הדעת.

ה. פונדעסטוועגן, כאָטש די מלאכת המשכן האָט משה ניט געדאַרפט טאָן, האָט ער אָבער געהאַט דעם ציווי „לאמר לכם", איבערגעבן צו אידן די פרשיות התורה וואָס ריידן וועגן מלאכת המשכן [17]. און נאָך מער: דער גאַנצער צוועק פון „אשר צוה ה' לי", וואָס דער אויבערשטער האָט געזאָגט די פרשיות (דעם טייל תורה) צו משה'ן, איז געווען צוליב „לאמר לכם". און ווען ניט דאָס, וואָלטן די פרשיות ניט געזאָגט געוואָרן אויך צו משה'ן.

די הוראה דערפון איז:

עס זיינען פאַראַן אידן וואָס מצד זייער מצב קענען זיי (ובמילא דאַרפן זיי) זיין אין אַן אופן פון „תורתו אומנתו",

דאַרפן זיי וויסן, אַז כאָטש זייער ענין איז תורה, וואָס מצד דעם דאַרפן

---

(פרשתנו, לו, ו־ז). וראה גם תנחומא פקודי יא: „לא נשתתף הוא (משה) עמהן במלאכת המשכן. כיצד הנדבה ניתנה ע"י ישראל כו'". וראה בארוכה שיחת ש"פ פקודי תש"ל.

11) בתנחומא שם: שהי' משה מיצר על שלא נשתתף כו'. אבל מזה שרש"י בפירושו עה"ת לא העתיק ענין זה, משמע שבדרך הפשט מסתבר לומר שלא הי' מיצר ע"ז. וראה בארוכה שיחה הנ"ל.

12) רש"י ר"פ בהעלותך.

13) בדרך הפשט י"ל:
הציווי „ועשו לי מקדש" הי' לאחרי שנתרצה הקב"ה לישראל ואמר סלחתי כדברך (רש"י תשא לג, יא). והיינו שבתחלה — לאחרי חטא העגל, היו „מנודין לרב" (רש"י שם, ז), ולזאת נצטוו לאחרי הסליחה „ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם" (וראה **רש"י שמיני ט, כג**). **ולכן משה**, שגם לפני יוהכ"פ „יקח את האהל גו'" ושם היתה „מקום שכינה" (תשא שם. פרש"י שם) — לא הוצרך ל„ועשו לי מקדש".

14) ראה שבת פט, א.

15) ובדוגמת מה שמלאכת המשכן אינה דוחה את השבת (רש"י תשא לא, יג. פרשתנו לה, ב). וראה לעיל ע' 217 (הערה 47 ובהנסמן שם) השייכות דשבת לתורה.

16) שבת קיט, ב. הל' ת"ת לאדה"ז פ"א ה"י.

17) בדרך הפשט י"ל: אמירתו לישראל פרשיות אלו — ה"ז (גם) לימוד תורה.

זיי זיך ניט [18] פאַרנעמען [19] מיט עבודת הבירורים, צו מאַכן פון דברים גשמיים (זהב, כסף ונחושת וכו׳) אַ מקדש צום אויבערשטן [20], ווייל תורה איז העכער דערפון — קענען זיי דאָך מיינען, אַז זיי זיינען פטור פון הפצת התורה,

אויף דעם קומט די הוראה, אַז אין „לאמר לכם", צו זאָגן פאַר אידן פרשיות פון תורה, זיינען אויך זיי מחוייב. ואדרבה: דוקא דורך דער עבודה פון „לאמר לכם", אָפּגעבן זיך אויף לערנען תורה מיט אַנדערע אידן, וועלן זיי האָבן די סייעתא דשמיא (אויך) אין זייער אייגענעם לערנען, עס וועט זיי צוקומען (בכמות) נאָך חלקי תורה, און עס וועט זיי צוקומען (באיכות) אין די חלקי התורה וואָס זיי האָבן שוין, זיי וועלן מכוון זיין די ענינים לאמיתתם, ביז זיי וועלן משיג זיין די ענינים אויך ווי זיי זיי־נען בשרשם [21]

— בדוגמת ווי ס׳איז געווען ביי משה׳ן, אַז צוליב „לאמר לכם" איז געווען (ניט נאָר דער „צוה ה׳ לי", נאָר אויך) דער „אשר הראית בהר" [22], אַז מען האָט אים באַוויזן די ענינים ווי זיי זיינען למעלה.

(משיחות ש״פ ויקהל וש״פ פקודי תש״ל)

---

18) אולי יתרה מזו י״ל — דאיסור יש כאן (ראה מו״ק ט, סע״א. תוד״ה מבטלין (כתובות יז, א) ועוד). אבל צ״ע בלי אדה״ז בהל׳ ת״ת פ״ד רס״ג (משו״ע חיו״ד סרמ״ו סי״ח וכו׳) לא יפסיק תלמודו. וכן מהא דעוסק במצוה פטור מן המצוה. ואכ״מ.

19) באופן של עיקר ורוב ימיהם. משא״כ מיעוט ימיהם (אגה״ק סוס״ה), שהרי כל האומר אין לי אלא תורה אפילו תורה אין לו (יבמות קט, ב. ובלקו״ת ויקרא ה, א: אלא תורה וגמ״ח. וראה ג״כ אגה״ק שם). וראה לעיל ע׳ 217.

20) ראה לעיל ע׳ 6־155.

21) ראה ביאורי הזהר וישלח (כ, טור ב): כל ת״ח דאשתדלו באורייתא כו׳.

22) תרומה כו, ל. וראה גם שם כה — ט, מ. כז, ח.

# פקודי

א. צוזאמען מיטן ציווי פון אויבערשטן צו משה׳ן, בפרשתנו, אַז ער זאָל אויפשטעלן דעם משכן און אַריינשטעלן אין אים די כלים[1], האָט דער אויבערשטער אים אויך אָנגעזאָגט ער זאָל טאָן דערביי געוויסע עבודות: בהמשך צו „והבאת את השלחן״ האָט ער אים געזאָגט „וערכת את ערכו״, און ביי „והבאת את המנורה״ — „והעלית את נרותי׳ ״[2]. דאַקעגן ביי די מזבחות — מזבח הזהב און מזבח העולה — ווערט משה בלויז אנגעזאָגט צו אַריינברענגען זיי אויפן אָרט[3]; ס׳ווערט אָבער ניט דערמאָנט ער זאָל טאָן די עבודות אויף זיי.

אָבער ווייטער אין דער סדרה, וואו עס ווערט דערציילט וועגן דעם מילוי הציווי דורך משה, ווערן דערמאָנט ניט נאָר די אָנגעזאָגטע צוויי עבודות הנ״ל — „ויערוך עליו ערך לחם גו׳ ״ און „ויעל הנרות״[4] — נאָר אויך „ויקטר עליו קטרת סמים״ נאָך „וישם את מזבח הזהב וגו׳ ״[5], און „ויעל עליו את העולה ואת המנחה״ נאָך „ואת מזבח העולה שם גו׳ ״[6].

משום האי טעמא, וואָס אין דעם ציווי פון אויבערשטן ווערט ניט דערמאָנט אַז משה זאָל טאָן אָט־די צוויי עבודות (קטרת און הקרבת העולה והמנחה), זיינען דעריבער פאַראַן צוויי דיעות אין מפרשי התורה — וועמען דער פסוק מיינט מיט „ויקטר״ און „ויעל״:

פאַראַן מפרשים[7] וואָס לערנען, אַז אויך דאָס האָט געטאָן משה רבינו (ווי ס׳איז משמע פון פשטות המשך הכתובים). ווייל טראָץ דעם וואָס אויף די עבודות האָט אים דער אויבערשטער ניט אָנגעזאָגט בפירוש, האָט עס אָבער משה אָפּגעלערנט פון דעם ציווי וואָס ער האָט געהאַט אויף ערך לחם און העלאת הנרות;

אַנדערע מפרשים[8] לערנען, אַז ביי די צוויי עבודות מיינט די תורה אהרן׳ען (וויבאַלד משה איז ניט נצטווה געוואָרן) — און לויט אָט־דער שיטה איז דער פירוש פון די פסוקים[5]: נאָכדעם ווי משה האָט מקיים געווען דעם ציווי ה׳ דורך „וישם את מזבח הזהב גו׳ ״, האָט זיך אָפּגעטאָן דער „ויקטר עליו קטרת סמים״ דורך דעם וואָס זיין עבודה איז צו מקטיר זיין קטרת — אהרן. און דאָס זעלבע איז אויך בנוגע צו „ואת מזבח העולה שם גו׳ ויעל עליו את העולה ואת המנחה״[6]; אַז לאחר ווי משה האָט אויפגעשטעלט דעם מזבח העולה, האָט עמעצער אַנדערש אויף אים מעלה געווען „העולה״ און „המנחה״.

ווי איז שיטת רש״י בזה? — אויף „ויקטר עליו קטרת״ טייטשט רש״י ניט אָפּ ווער עס האָט געטאָן אָט־די עבודה[9];

---

1) פרשתנו מ, א ואילך.

2) שם, ד.

3) שם, ה־ו.

4) שם, כג. כה.

5) שם, כו־כז.

6) שם, כט.

7) רמב״ן כאן פסוק כז. וכ״ה בטור הארוך עה״ת כאן.

8) רשב״ם כאן פסוק כט (לענין העלאת העולה והמנחה). וראה רשב״ם תצוה כט, ל.

9) ישנה גירסא בפירש״י שאהרן הקטיר. אבל כבר כתב הרמב״ן „ואולי טעות סופרים הוא״. ובטור הארוך העתיק מהרמב״ן בפשי־טות „שהוא טעות סופר״ (בהשמטת תיבת „ואולי״). וראה להלן הערה 11.